# אפזאג פארעם
(פרייוויליג, רייסט אפ)


P L E A S E P R I N T
IVD
Lab I.D. XXXXXXXXX
Newborn Screening Program
Serving New York Since 1965
Parents,
A blood specimen has been taken from your baby to be tested by the New York State Newborn Screening Program. This program is described in the brochure "For Your Baby's Health", which has been given to you by the staff at this hospital. To find out the results of this important health service, take this notice to your baby's doctor, who can either obtain the result from this hospital or on-line through the NYS Health Commerce System. As a parent, you may request results either by e-mailing nbsinfo@health.ny.gov, or by calling the program at (518) 473-7552. Please keep the Lab ID on this form confidential, as it is required to obtain your baby's results.
This specimen will have your child's identifying information removed and will be stored by the Newborn Screening Program for up to 27 years under secure conditions with strictly controlled access. If the need arises, you can consent to having this specimen used for diagnostic purposes for your child. A portion of this specimen may also be used in public health research projects that have been reviewed and approved by a Board that ensures compliance with applicable laws and ethical guidelines. If you wish to have your child's specimen destroyed or prevented from being used in public health research, please call (518) 473-7552 for instructions.
Instructions to Hospital: After entering infant's name, remove this pink copy and give it to the parents of this newborn, along with the educational brochure "For Your Baby's Health".
Infant's Last Name:
Wadsworth Center
NYS Department of Health
http://www.wadsworth.org/programs/newborn/screening
PARENT COPY

ביטע פילט אויס חלק א' און חלק ב' אונטן נאר אויב איר ווילט נישט אייער בעיבי'ס cCMV רעזולטאטן רעקארדירט. נאכדעם וואס איר ענדיגט דעם פארעם, נעמט אראפ פארזיכטיגערהייט די אפטיילונג פונעם בראשור. געבט איבער די אפטיילונג פאר אייער נוירס אדער געבורטס סטעף. מאכט זיכער אז די נוירס באהעפט די אפטיילונג צו אייער קינד'ס ניי-געבוירן סקרין. איר קענט אויך שיקן דעם פארם צו די NBS פראגראם (זעט דעם אדרעס אויף בלאט 6).

## פארענדיגט חלק א' און חלק ב' צו אפזאגן:

### א. לייגט אריין די אינפארמאציע אונטן:

ניי-געבוירן סקרין לאבאראטאריע ID (פון די פינקע סליפ): ____________

קינד'ס ערשטע נאמען: ____________

קינד'ס לעצטע נאמען: ____________

קינד'ס דאטום פון געבורט (MM/DD/YYYY): ____________

געבורט מוטער'ס ערשטע נאמען: ____________

געבורט מוטער'ס לעצטע נאמען: ____________

געבורט מוטער'ס דאטום פון געבורט (MM/DD/YYYY): ____________

שפיטאל פון געבורט: ____________

### ב. אינישעל, סיינט און צייכנט אן די דאטום צו באשטעטיגן אייער אפזאג:

איך (אינישעלט דא) __________ באשליס צו אפזאגן צו באקומען די cCMV טעסט רעזולטאטן פאר מיין קינד, אפילו אויב די רעזולטאטן זענען פאזיטיוו.

עלטערן'ס נאמען (פרינט): ____________

עלטערן'ס אונטערשריפט: ____________

דאטום פון אינטערשריפט (MM/DD/YYYY): ____________

דרייט איבער ←

## רעפערענצן און רעסאורסן

**ניו יארק סטעיט ניי-געבוירענע קינדער סקרינינג פראגראם**
**(New York State Newborn Screening Program)**
https://www.wadsworth.org/programs/newborn/screening/additional-testing

**אמעריקאנער אקאדעמיע פון פידיאטריקס**
**(American Academy of Pediatrics)**
https://www.aap.org/en/news-room/aap-voices/newborn-screening-for-congenital-cytomegalovirus-one-pediatricians-journey/

**בעיבי'ס ערשטע טעסט (Baby's First Test)**
https://www.babysfirsttest.org/newborn-screening/conditions/congenital-cytomegalovirus

**צענטערס פאר דיזיז קאנטראל און פארמיידונג**
**(Centers for Disease Control and Prevention, CDC)**
https://www.cdc.gov/cmv/index.html

**U.S. נאציאנאלע לייבררי פון מעדיצין**
**MedlinePlus ,(U.S. National Library of Medicine)**
https://medlineplus.gov/cytomegalovirusinfections.html

**מאיא קליניק (Mayo Clinic)**
https://www.mayoclinic.org/diseases-conditions/cmv/symptoms-causes/syc-20355358

**פאר מער אינפארמאציע באזוכט:**
www.wadsworth.org/newborn

New York State Department of Health

07/23



# ניי-געבוירענע סקרינינג פאר סייטאמעגאלאווייירוס (CMV)

א נייע טעסט פאראלע בעיבים

*וואס איר דארפט וויסן אין די ערשטע וואך פון געבורט, אריינגערעכנט ווי אזוי זיך אפצוזאגן פון די רעזולטאטן*

New York State Department of Health

www.wadsworth.org/newborn

20559 (Yiddish)

## נייע ניי-געבוירענע סקרינינג פאר קאנדשעניטעל סייטאמעגאלאווייראס (cCMV)

אלע ניי-געבוירענע סקרין סעמפלס ערהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט ניי-געבוירן סקרינינג (NBS) פראגראם וועלן ווערן גע'סקרינט פאר קאנגעטיל סייטאמעגאלאווייראס (cCMV) פאר 1 יאר אנגעהויבן און די זוממער פון 2023. מיר שאצן אז איין פון א יעדע 200 ניי-געבוירענע קינדער ווערן גע'טעסט פאזיטיוו פאר cCMV. געוויסע קינדער וואס ווערן געבוירן מיט cCMV קענען אנטוויקלען הערן-פארלוסט אדער אנדערע געזונטהייט פראבלעמען.

בערך 1,100 בעיביס וועלכע ווערן געבוירן יעדעס יאר אין ניו יארק סטעיט, אדער איינס פון יעדע 200 געבורטן, שטייען אויס צו האבן קאנדשעניטעל CMV.

אלע בעיביס וועלן ווערן גע'טעסט פאר cCMV, אבער איר קענט אויסוועלן נישט צו באקומען די cCMV רעזולטאטן, און האבן אייער קינד'ס רעזולטאטן אראפגענומען פון זייער ניי-געבוירן סקרין רעקארד. אויב ווילט איר נישט באקומען די רעזולטאטן און איר קענט באשטיין אז אייער קינד'ס cCMV רעזולטאטן זאלן ווערן אראפגענומען פון זייער ניי-געבוירן סקרין רעקארד, פאלגט נאך די אנווייזונגען אויף בלאט 6 פון די בראשור צו אפזאגן. אפזאגן מיינט אז סיי אייער און סיי אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער'ס וועלן נישט ווערן געמאלדן וועגן אייער קינד'ס cCMV רעזולטאטן אפילו אויב די רעזולטאט איז פאזיטיוו. איר ברויכט דאס שנעל ערלעדיגן, אויב ווילט איר אפזאגן. אייער בעיבי'ס ניי-געבוירן סקרין באריכט וועט ווערן געענדיגט 5-7 טעג נאכ'ן געבורט. אויב די NBS פראגראם הערט נישט פון אייך בעפאר דאן, וועט אייער קינד'ס cCMV רעזולטאט ווערן ארייננגערעכנט אין זייער רעפארט. איר דארפט גארנישט טון אויב ווילט איר יא אייער קינד'ס cCMV טעסט רעזולטאטן.

## וואס איז ניי-געבוירן סקרינינג?

קורצליך נאכ'ן געבורט ווערט א יעדעס קינד אין די פאראייניגטע שטאטן גע'טעסט פאר געוויסע געזונטהייט פראבלעמען. די טעסט ווערט גערופן די ניי-געבוירענע סקרינינג (NBS). א יעדע סטעיט האט א ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם וואס שטעלט צו די סארט טעסטינג. די ניו יארק סטעיט (NYS NBS) פראגראם איז א פרייע סערוויס צוגעשטעלט פאר אלע בעיביס וואס ווערן געבוירן אין די סטעיט. די סקרין איז פארלאנגט דורך די NYS פובליק העלט געזעץ אפטיילונגען 2500-a און 2500-f. די ציל פון די ניי-געבוירענע סקרינינג איז צו דיאגנאזירן און צו זיך אפגעבן מיט די קאנדישענעס בעפאר זיי ווערן קראנק.

די NYS NBS טעסט בעיביס פאר מער ווי 50 געזונטהייט פראבלעמען. געוויסע טרעפט זיך וויניגער, און זיי זענען געווענליך ערנסט. געוויסע קענען צוברענגען צו פריצייטיגע טויט רח"ל. אנדערע קענען פארשטייטערן א קינד'ס וואוקס. געוויסע קענען ברענגען לערנען באגרעניצונגען. אנדערע צייכנס און סימפטאמען זענען אויך מעגליך. טריטמענטס עקזיסטירן פאר אלע קאנדישענס וואס ווערן גע'טעסט אין NYS. פריע באהאנדלונג איז זייער וויכטיג! דיאגניזירן און באהאנדלען בעיביס קען זיי העלפן צו לעבן א געזונטע לעבן. אונזער וועבסייט רעכנט אויס אלע קאנדישענס וואס ווערט גע'סקרינט דורך די NYS NBS פראגראם.

**פאר מער אינפארמאציע באזוכט:** www.wadsworth.org/newborn



## איך וויל נישט מיין קינד'ס סקרין רעזולטאט פאר cCMV. וויאזוי טו איך אפזאגן?

אלע ניי-געבוירענע סקרין סעמפלס ערהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם וועלן ווערן גע'סקרינט פאר cCMV פאר 1 יאר אנגעהויבן און די זוממער פון 2023. עלטערן קענען אפזאגן פון האבן די רעזולטאט רעקארדירט אויף די ניי-געבוירענע סקרינינג באריכט. **אויב ווילט איר נישט די רעזולטאט אין אייער קינד'ס רעקארד, מוזט איר דאס אפזאגן איידער אייער קינד'ס רעפארט ווערט פארענדיגט. רעפארט'ס זענען געווענליך גרייט אין 5-7 טעג פון דאס קינד'ס געבורט. ביטע ערלעדיגט דאס שנעל, אויב ווילט איר אפזאגן.** איר קענט נישט אפזאגן נאכדעם וואס אייער קינד'ס רעפארט איז פארענדיגט. אויב ווילט איר אפזאגן, ביטע לאזט וואוסן פאר די NYS NBS פראגראם נוצנדיג **איינס** פון די פאלגענדע אפציעס:

**וויכטיג:** אויב איר באשליסט צו אפזאגן וועט אייער בעיבי'ס רעזולטאטן בכלל נישט ווערן באריכטעט. אפזאגן מיינט אז סיי אייער און סיי אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער וועלן נישט געמאלדן ווערן אפילו אויב אייער קינד'ס רעזולטאטן זענען פאזיטיוו.

1. **סקענט די QR קאוד** פון פארנט פון דעם בראשור. פאלגט אויס די אנווייזונגען אויף אונזער וועבזייטל.
2. **נעמט אראפ און פילט אויס די אפזאג פארם (וואס מען קען אויפקנייטשן) אין די בראשור. גיבט דאס פאר די נוירס ביי די געבורטס שפיטאל כדי דאס צוצולייגן צו אייער קינד'ס ניי-געבוירן סקרין סעמפל.** די אפציע מוז ווערן פארענדיגט ביז 2 טעג פונעם געבורט.
3. **אימעיל** א בילד פון די פארענדיגטע אפזאג פארם (וואס מען קען אויפקנייטשן) צו: cmvnbs@health.ny.gov.
4. **רופט** די NYS NBS פראגראם **518-473-7552 (אפציע 5)**. *שפראך איבערזעצער איז אוועילעבל אויב פארלאנגט.
5. **מעיל'ט** די אפזאג פארם צו:

Newborn Screening Program
NYS Department of Health
120 New Scotland Avenue
Albany, NY 12208

*(באמערקונג: איר מוזט האבן די לעב ID (זעט דעם דיאגראם אויף די בלאט וואס מען קען אויפקנייטשן), קינד'ס נאמען, קינד'ס דאטום פון געבורט, געבורטס מוטער'ס נאמען און געבורטס מוטער'ס דאטום פון געבורט)*

**ביטע מערקט אן אז דורכ'ן אפזאגן, טוט איר נאר אפזאגן פון די רעקארדירונג פון די cCMVסקרין רעזולטאטן. אייער בעיבי וועט נאך אלץ ווערן גע'טעסט פאר די פולע ניי-געבוירן סקרין פאנעל.** עלטערן מעגן נאר אפזאגן די פולע ניי-געבוירן סקרין צוליב רעליגיעזע סיבות. עלטערן וואס טוען אפזאגן די פולע ניי-געבוירן סקרין מוזן אויספילן אן עקסטערע פארם.

פארבינדט זיך מיט אונז פאר מער אינפארמאציע נוצנדיג איינע פון די פאלגענדע מעטאדן:

**טעלעפאן:** 518-473-7552 (אפציע 5)

**CMV אימעיל:** cmvnbs@health.ny.gov

**וועבסייט:** www.wadsworth.org/newborn



# אפזאג אויספרעג

(פרייוויליג, רייסט אפ)

מיר רעספעקטירן אייער אויסוואל. מיר פראבירן צו פארשטיין פארוואס מענטשן ווילן דאס אפזאגן. וואס זענען די סיבות פארוואס איר האט באשלאסן אפצוזאגן? ביטע וועלט אויס וויפיל ענטפערס איר ווילט.

- ☐ איך וויל נישט מיין בעיבי'ס רעזולטאטן פון דעם טעסט
- ☐ איך האב נישט גענוג אינפארמאציע כדי צו מאכן א באשלוס
- ☐ איך בין צו אפגעמוטשעט\פארנומען\איבערגעשטרענגט צו לערנען וועגן cCMV
- ☐ איך בין באזארגט פאר מיין בעיבי'ס פריוואטקייט
- ☐ איך וויל נישט וויסן גארנישט וואס וועט מיר מעגליך מאכן באזארגט
- ☐ איך גלייב נישט אז מיין בעיבי דארף האבן קיין שום איבעריגע טעסטינג
- ☐ איך בין באזארגט פון די מעגליכקייט פון האב נישט ריכטיגע רעזולטאטן
- ☐ איך בין באזארגט אז עס איז מעגליך נישט דא קיין אמת'ע באהאנדלונג פאר cCMV
- ☐ איך וויל נישט אז מיין בעיבי זאל ווערן גע'טעסט פאר א ווירוס וואס וועט אים מעגליך נישט אפעקטירן פאר יארן
- ☐ איך בין באזארגט פאר מיין בעיבי'ס צוקונפט אויב ער\זי האט cCMV
- ☐ איך געטרוי נישט סייענס\רעגירונג
- ☐ אנדערע, ביטע שרייבט קלאר: ____________________

____________________________________________

____________________________________________

____________________________________________

- ☐ ווענדערש נישט ענטפערן



NEW YORK STATE Department of Health

07/23

# פאזיטיוו סקרין און קומענדיגע שטאפלען

**די cCMV ניי-געבוירן סקרין איז נישט קיין דיאגנאסטישע טעסט. דאס קען נישט זאגן פאר זיכער אויב אייער בעיבי האט זיכער cCMV.** מען וועט אייך רופן אויב אייער בעיבי'ס cCMV סקרין איז פאזיטיוו. איר וועט מעגליך גערופן ווערן פון אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אדער דורך אן אינפעקציע דיעזיז ספעציאליסט. זיי וועלן דיסקוסירן אייער בעיבי'ס רעזולטאטן מיט אייך. זיי וועלן סקעדשולען אן אפוינטמענט פאר אייער בעיבי. ביי די באזוך, וועט מען נעמען א מי רגלים סעמפל פון אייער בעיבי. א cCMV טעסט ווערן געמאכט אויף די סעמפל. די דיאגנאסטישע טעסט וועט ווייזן אויב אייער בעיבי האט cCMV צו נישט. די אויבנדערמאנטע טעסט מוז ווערן געמאכט די שנעלסטע וואס מעגליך נאך אייער בעיבי'ס געבורט.

פאלשע פאזיטיווע רעזולטאטן אויף די ניי-געבוירן סקרין זענען שוואכע שאנסן אבער נאכאלס מעגליך. צוליב דעם פעלט זיך אויס די מי רגלים טעסט צו באשטעטיגן אויב אייער בעיבי האט cCMV.

אויב אייער בעיבי איז דיאגנאזירט געווארן מיט cCMV, איז קריטיש וויכטיג צו מיטארבעטן מיט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער. די קומענדיגע שריט פאר אייער בעיבי'ס קעיר וועט ווערן פלאנירט צוזאמען מיט אייך. אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער וועט אייך העלפן באשליסן אויב אייער בעיבי וואלט בענעפיטירט פון טריעטמענט. טייל בעיבי'ס מיט cCMV קענען ווערן באהאנדלט מיט מעדעצינען.

# אינפארמאציע פאר פאמיליעס פון בעיבי'ס מיט cCMV

סופארט גרופעס קענען העלפן פארבינדן פאמיליעס פון קינדער וואס האבן cCMV. עס קען אייך העלפן אויב איר רעדט מיט מענטשן וואס האבן ערפארונג מיטן וואוינען אינאיינעם מיט cCMV. די גרופעס העלפן פארמירן א קאמיוניטי. די ארגעניזאציעס שטעלן צו די ריסוירסן פאר פאמיליעס, מענטשן מיט cCMV, העלט קעיר פראוויידערס, און אדוואקאטן:

**די נאציאנאלע CMV פאנדעישען (National CMV Foundation)** האט א וועבסייט וואס שטעלט פאר ערציילונגען פון קינדער מיט cCMV, מיטגעטיילט דורך זייערע עלטערן. זיי שטעלןאויך צו געוויסע הילפבארע געצייגן און ריסוירסן פאר עלטערן וואס האבן א קינד וואס איז דיאגנאזירט געווארן מיט cCMV.
**זעט:** www.nationalcmv.org

**די נאציאנאלע קאנדשעניטעל CMV דיעזיז רעגיסטרי (National Congenital CMV Disease Registry)** שטעלט צו א וועג צו מיטטיילן אינפארמאציע מיט אנדערע פאמיליעס און פארשלאגן הילף און שטיצע איינער פאר'ן אנדערן.
**באזוכט:** https://www.bcm.edu/departments/pediatrics/divisions-and-centers/congenital-cmv-disease-research-clinic-registry



# פארוואס טוט די NYS NBS פראגראם די איבעריגע טעסט פאר cCMV?

צו טעסטן אלע ניי-געבוירענע קינדער פאר cCMV וועלן העלפן פארענטפערן 3 פראגעס:

1. קען cCMV ווערן אויפגעכאפט דורך די ניי-געבוירן סקרינינג?
2. ווי אפט מאכט זיך cCMV אין ניי-געבוירענע קינדער?
3. ווי אזוי קען די טעסט העלפן בעיבי'ס וואס האבן cCMV?

# פאוואס איז דאס הילפבאר צו סקרינען פאר cCMV?

אויב א מענטש כאפט איבער די ווירוס די ערשטע מאל בשעת'ן טראגן א קינד, האט דאס קינד כאטש 4 פון 10 שאנס דאס אויך איבער צו כאפן. א מענטש וואס האט געכאפט דעם ווירוס איידער'ן ווערן טראגעדיג קען דאס נאכאלס איבערגעבן פאר דאס קינד. טראגעדיגע מענטשן ווערן נישט כסדר גע'טעסט פאר cCMV, ממילא איז מעגליך אז זיי ווייסן נישט אז זיי האבן איבערגעכאפט דעם ווירוס בשעת'ן זיין טראגעדיג. **CMV שאדט נישט געווענליך פאר ערוואקסענע, אבער בעיבי'ס וואס ווערן געבוירן מיט cCMV שטייען אויס צו ליידן פון סימפטאמען און לאנג-טערמיניגע געזונטהייט פראבלעמען.**

צוליב וואס רוב בעיביס מיט cCMV ווייזן נישט קיין שום צייכענעס אדער סימפטאמען ביים געבורט, איז גאר וויכטיג פאר העלט קעיר פראוויידער צו נאכפאלגן די בעיבי'ס הערן און אנטוויקלונג פארשריט. געפינסן פון הערן-פארלוסט גענוג פרי אין לעבן איז גאר וויכטיג און קען העלפן פארמיידן אנוויקלונג פארשפעטיגונגען.

CMV איז זייער א פארשפרייטע ווירוס. אין די פאראייניגטע שטאטן, נאנט צו 1 פון 3 קינדער זענען אפעקטירט מיט CMV ביז די יארגאנג פון 5 יאר אלט. ביי די יארגאנג פון 40, זענען איבער האלב ערוואקסענע אין די פאראייניגטע שטאטן שוין געווען אמאל אנגעשטעקט מיט CMV. מערסטנס ערוואקסענע ווייסן ניטאמאל אז זיי זענען אנגעשטעקט מיט דעם ווירוס, וויל מערסטנס מענטשן ווייזן נישט בכלל קיין סימפטאמען. געוויסע מענטשן מיט CMV ליידן פון א פארקילעכטץ. סימפטאמען רעכנט אריין האלז ווייטאגן, פיווער, מידעקייט, און געשוואלענע איברים. **צום וויכטיגס, טראגעדיגע מענטשן וואס ווייסן נישט אז זיי האבן דעם ווירוס קענען דאס מעגליך איבערגעבן פאר זייער אומגעבוירענע בעיבי'ס.**

# ווי אזוי ווערט די cCMV סקרין געמאכט?

פון אלע בעיבי'ס וואס ווערן געבוירן אין די פאראייניגטע שטאטן ווערן גענומען א קליינע בלוט סעמפל פאר ניי-געבוירן סקרינינג. די בלוט ווערט גענומען פון א שטאך אינעם זויל. די בלוט סעמפל וועט געשיקט צום NYS NBS פראגראם. דאס איז א רוטינע טעסט וואס ווערט געמאכט אויף די טויזענטער בעיביס אין די פאראייניגטע שטאטן א יעדן טאג. **איבעריגע בלוט פעלט נישט אויס פאר די cCMV סקרין פראגראם.** די cCMV סקרין וועט ווערן געמאכט אויף די זעלבע בלוט סעמפל. די cCMV סקרין זוכט פאר צייכנס פון די ווירוס אין די בלוט. **עס איז נישט דא קיין קאסטן פאר די טעסט.**



## וואס זענען די מעגליכע cCMV סקרין רעזולטאטן?

**פאזיטיווע cCMV סקרין: א נעגאטיווע סקרין רעזולטאט איז א נארמאלע רעזולטאט.** א נעגאטיווע רעזולטאט מיינט אז אייער בעיבי איז כמעט זיכער נישט אנגעשטעקט מיט די cCMV אינפעקציע. רוב בעיביס וועלן האבן א נעגאטיווע רעזולטאט פאר cCMV. ווייל דאס איז א סקרינינג טעסט; איז מעגליך אז געוויסע בעיביסמיט cCMV קענען פארזען ווערן. אויב אייער בעיבי האט סיי וועלכע סימפטאמען פון cCMV אדער הערן-פארלוסט, קען זייער העלט קעיר פראווידער הייסן מאכן א מי רגלים טעסט. די טעסט וועט ווערן גענוצט צו זוכן פאר די ווירוס.

**פאזיטיווע cCMV סקרין: א פאזיטיווע סקרין רעזולטאט איז אן אבנארמאלע רעזולטאט.** א פאזיטיווע רעזולטאט מיינט אז אייער בעיבי איז כמעט זיכער אנגעשטעקט מיט די cCMV אינפעקציע. א מי רגלים דיאגנאסטישע טעסט וועט זיך אויספעלן כדי צו באשטעטיגן אויב אייער בעיבי האט cCMV. זעט "פאזיטיווע סקרין און קומענדיגע שריט" אויף בלאט 5 פאר מער אינפארמאציע.



## בעיביס געבוירן מיט cCMV אינפעקציע

מיר ערווארטן אז 1 פון יעדע 200 בעיביס וועלן סקרינען פאזיטיוו פאר cCMV. פאר בעיביס וואס סקרינען פאזיטיוו, זענען די מעגליכע אויסגענג ווי פאלגענד:

די בעיבי איז געזונט ביים געבוירן און ווייזט נישט קיין שום צייכענעס אדער סימפטאמען פון cCMV. די בעיבי אנטוויקלט נישט קיינמאל קיין שום געזונטהייט פראבלעמען פון cCMV.

די בעיבי קוקט אויס געזונט ביים געבוירן אבער אנטוויקלט שפעטער הער-פארלוסט און אנדערע אנטוויקלונג פארשפעטיגונגען פון cCMV.

בעיבי ווייזט צייכענעס און סימפטאמען פון הער-פארלוסט ביים געבוירן פון cCMV. ***בעיביס און קינדער מיט הער-פארלוסט שטייען אויס פאר רעדן און אנדערע אנטוויקלונג פארשפעטיגונגען.**

די בעיבי איז קראנק ביים געבוירן און ווייזט אויף נאך צייכענעס אדער סימפטאמען פון cCMV. **בערך 1 פון 10 בעביס וואס ווערן געבוירן מיט cCMV וועלן זיין קראנק ביים געבוירן.** די סימפטאמען געזען אין די בעיביס נעמט אריין אויסשלאגן, געלקייט אין די הויט אדער ווייסקייט אין די אויגן (גאלדענע קאליר), א קליינע סייז קאפ (מיקראסעפאלי), נידעריגע געבורט וואג, פארגרעסערטע לעבער אדער ספלין, סיזשערס, און אויגן שאדן.

## פריע אויפכאפונג פון הערן-פארלוסט

הער-פארלוסט איז די מערסטע ערשינענע רעזולטאט פון cCMV אינפעקציע. הער-פארלוסט קען אפעקטירן א בעיבי'ס שפראך, רעדן און סאציאלע סקילס.

NYS פובליק העלט געזעץ אפטיילונג 2500-g פארלאנגט אז אלע ניי-געבוירענע קינדער זאלן באקומען א הערן סקרינינג קורצליך נאכן געבורט. אויב אייער בעיבי פאלט דורך זייער הערן סקרינינג, וועלן זיי ווערן גע'טעסט פאר cCMV נוצנדיג אן אנדערעדיאגנאסטישע טעסט. דאס איז פארלאנגט דורך די NYS פובליק העלט געזעץ אפטיילונג 2500-a.

**באמערקונג:** די הערן סקרין און די cCMV סקרין זענען עקסטער.ביידע טעסטס קענען פארזען בעיביס מיט הער-פארלוסט.

אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס אדער זארגן וועגן אייער בעיבי'ס הערן טעסט, רעדט מיט זייער העלט קעיר פראווידער. אין NYS, ווערן די ניי-געבוירן סקרינינג רעזולטאטן באריכטעט פאר די פריע הערן דעטעקשען און אינטערווענטשן (EHDI) פראגראם.

**פאר מער אינפארמאציע אויף די EHDI פראגראם באזוכט זייער וועבסייט:**
https://www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/newborn_hearing_screening/